## הושענא!

העלף,
אַז מענטש זאָל זיין מיט מענטש אַרומגענומען
(און אין געטרייקייט גלאַנצן) ווי אַ זילבערנער רייף.

העלף,
אַז ווי אַ פֿרוי האָט לאַנג אין איר קינדישן האַרץ
געטראָגען דעם שוידער פֿון איינזאַמקייט-טעג
ביז איינמאָל ווייס זי: דורך איר קערפּער שטראָמט
וואַרעמע בליענדע גאָט־ענלעכקייט,
און זי גייט אין גייט ווי דער פֿרימאָרגן דורך גראָזן,
גייט ווי זון אין ווי ווינט צו דער וואונדערהיים דאָרט,
וואו עס וואוינט דער, וואָס לייכט ביי איר אין געוויין,
און ברענגט מיט זיך עדות, ווי אָנענדלעך זיינע
זי איז - : צאַרטע הייסע נעגעלעך־בלומען,
נעגעלעך־בלומען,
אַזוי זיס־ריחדיק, דערשכורט און רויט,
זאָל דאָס בלוט פֿריילעך שלאָגן אין שלייף פֿון אַ מענטש
אַ גרייטע מתנה פֿאַר אַן אַנדערן מענטש.

העלף,
אַז מענטש זאָל זייַן מיט מענטש אַרומגענומען
(און אין געטרייקייט גלאַנצן) ווי אַ זילבערנע רייף.

און העלף, אַז יענע
וואָס שמירן שטריק מיט גליטשענער זייף,
זאָל זיי די תליה וואויל באַקומען.

זאָלן זיי דערהערן אין שטאָק־וויסטע נאַכט,
וואָס פֿאַרקלעמט זייער טרוים ווי אייזערנע רייף:
שעכט אייך אויף כשר און שעכט אייך אויף טרייף.
מיט קוילן, מיט גאַזן, מיט שטראַלן,
אין אייערע אָרעמס וועט קיינמאָל נישט פֿאַלן
ווי אַ שיינע געליבטע די וועלט.

---

הייַנט (וואַרשע) 27, נומ׳ 221, סעפּטעמבער 30, **1934**, ז׳ 6